ד. עס איז דאך פאראן די רש"י (לה,ב) נאר איידער מ'וועט צו גיין צו די רש"י, דארף זיין ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט אז פריער זאל מען אפצאלן דאס וואס מ'איז געבליבן פון פריער שולדיג.

נאר פריער וועט מען ברייגגען די קשיות וואס עס זיינען פאראן אויף די רש"י.

אויף ששת ימים שטעלט זיך רש"י און זאגט: "הקדים להם אזהרת שבת לציווי מלאכת המשכן לומר שאינו דוחה את השבת", וואס בפשטות איז דער פירוש אז וויבאלד שבת קומט פריער, בבילא האט דאס אויך א חשיבות אין ענין אז ער קומט פריער, און עס ווערט ניט נדחה פון מלאכת המשכן.

דא אבער איז ניט פארשטאנדיק,

א) לכאו' וואס איז די ראי' דערפון וואס הקדים מלאכת שבת פאר מלאכת המשכן, לכאו' מוז ער דאך איין ענין זאגן פאר'ן צווייטן, וואדום מ'קאן דאך ניט זאגן ביידע אויף איין זמן, כי אין הפה יכול לומר, ואין האוזן יכול לשמוע וכו'.

ובפרט נאך אז עפ"י פשטות דארף שבת קומען פאר מלאכת המשכן, ווארום שבת איז א ענין הנוגע לכל הזמנים ובכל השנים, מכא"כ אבער בנין בית המקדש איז דאס בלויז געווען פאר יענעם זמן?

ב) ווייטער אין פ' קדושים שטייט איש אמו ואביו תראו ואת שבתותי תשמורו, אני ה"א, זאגט דארטן רש"י אז אע"פ איז אמו וכו' פונדעסטוועגן ואת שבתותי תשמורו, אפי' אם אמר לו אביו חלל השבת וכו', לכך נאמר אני ה"א אתה ואביך חייבים בכבודי.

דארטן שטייט דאך כיבוד אב פריער, פארוואס זאגט מען ניט פונקט פארקערט, ווי רש"י זאגט דא, אז כיבוד אב קומט פריער?

ג) פריער אין פ' תשא (לא,יג) שטייט פריער מלאכת המשכן, און דערנאך אך את שבתותי תשמורו, זעט מען דאך אז אעפ"י פריער שטייט משכן, פונדעסטוועגן זאגט דארטן רש"י אז אינו דוחה את השבת?

כאטש אז רש"י אליין באווארנט דאס אז דאס ווייסט מען דערפון וואס עס שטייט "אך" שהו"ע המיעוט, איז דאך אבער די קשיא ממה נפשך,

אויב קדימת הפסוק אליין איז גענוג וויסן, אז דאס קומט פריער ווי רש"י זאגט דא, איז פארוואס דארף מען דארטן "אך" לכאו' האט עס געקענט שטיין פונקט ווי עס שטייט דא, און מ'וואלט עס במילא געוואוסט?

מוז מען דאך זאגן אז קדימה אליין איז ניט קיין ראי' וכנ"ל, און דערפאר דארף שטיין "אך" אויב אזוי וואס איז די ראי' דא?

- לפי"ז -

לפי"ז, וועט אויך נשלל ווערן דאס וואס די מפרשים ווילן פארענטפערן אין פ׳ קדושים, אז דארטן איז אנדערש, וויבאלד אז עס שטייט אני הוי׳ כנ"ל ממה נפשך, זאל שטיין שבת פריער, וועט מען במילא פארשפארן אני ה׳?

ובהמשך צו דעם וואס עס האט זיך גערעדט פורים, איז דאך פורים בהנוגע לאיסור מלאכה לא קבלו, פונדעסטוועגן זאגט די גמרא אז די וועלכע טוען מלאכה בפורים אינם רואים סימן וכו׳.

פונדעסטוועגן זאגט די גמ׳ אז רבי האט גוטע געוועזן א אילן בפורים.

לכאו׳ וויבאלד אז ער האט דאס געטאן פורים, מוז מען דאך זאגן אז דאס האט מוסיף געוועזן אין זיין שמחה, און האט דערפון געהאט הנאה, ולכאו׳ ווי איז דאס מתאים צו דעם וואס עס שטייט (און ווי גערעדט בזה בארוכה) אז רבי האט געזאגט לא נהניתי מעוה"ז וכו׳?

מען קאן ניט זאגן אז דאס איז געוועזן מצד שמחה של מצוה, ד.ה. אז ער האט הנאה געהאט פון די מצוה, ווארום עס איז דאך מצוות לאו ליהנות נתנו.

דערמיט ווערט אויך פארענטפערט בכלל ווי האט ער געקענט זאגן לא נהניתי וכו׳ בשעת ער האט דאך געהאט הנאת המצוה וכו׳, נאר כנ"ל מצוות לאו ליהנות ניתנו.

איז דער ביאור אין דעם: הנאה פון דער גשמיות האט ער טאקע ניט געהאט, ביי איהם איז אבער געוועזן דער שמחה של מצוה, וואס דאס האט אויך דורכגענומען דעם גוף, ווארום א מצוה איז ניט מספיק אז עס זאל אדורך נעמען בלויז די נשמה וכו׳, נאר עס דארף אויך פועל׳ן אין גוף.

ובדוגמא ווי ביו"ט, וואס עס דארף זיין ושמחת בחגך, דארף זיין אכילת בשר שמן זכו׳, און עס איז ניט מספיק מיט דעם וואס ער האט שמחה אין די נשמה, נאר עס דארף אויך פועל׳ן אויף׳ן גוף.

עכ"פ וואס האט מען דערפון, אז רבי הי׳ נוטע אילן בפורים, ער האט דאס געקענט טאן אין א אנדער זמן, לפועל האט ער דאס געטאן דוקא אין דעם מעל"ע פון פורים, ווארום פון דעם זעט מען אז דער זמן פון פורים האט א שייכות מיט דעם ענין, וענין הבנינים וכו׳, און פורים איז א זמן מסוגל אויף דעם.

וואס דערפאר אט די אלע וועלכע האבן א שייכות מיט בנינים, סיי בחו"ל, וואס אויף א ביהכנ"ס בחו"ל זאגט די גמ׳ אז לע"ל וועט מען דאס ברענגען אין אר"ל, ובמילא קומט דאך אויס אז אויך איצטער איז דאס שוין פאראן, עס איז בלויז וואס ער איז א מהוסר זמן, דערנאך אבער וועט דער אויבערשטער דאס ברענגען, וואס ביים אויבערשטן איז דאך דאס פונקט ווי עס איז שוין בפועל.

וואס דערפאר שטייט אין די גמ׳ אז ביהכנ"ס שבחו"ל, ווערן אנגערופן מקדש מעט, ביז אז עס זיינען פאראן דיעות וואס האלטן אז עס זאל אריין גיין אין דעם ציווי פון ואת מקדשי תיראו.

- ומכ"ש -



הנחה פרטית בלתי מוגה

ומכ"ש באר"י, וואס דארטן איז ניט דוקא א ביהכנ"ס וכו', נאר אפי' בונה חורבה סתם, ומכ"ש בשעת דאס איז א ביהכנ"ס וכו'.

ובמילא די אלע וועלכע האבן א שייכות צו בנינים וכו', זאלן זאגן לחיים, אויף משקה בגשמיות, און מען זאל פארענדיקן בזריזות, (וואס לוידער ביז איצטער איז ניט ניכר קיין שינוי) און עס זאל זיין א בית גדול בתורה ותפלה, ביז אז עס זאל זיין לשם ולתפארה ולתהלה כמבואר בלקו"ת אז דאס איז דער ענין פון חכמה בינה דעת, ר"ת חב"ד....(חסר הסיום).

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לכו"כ לומר לחיים על כוס יי"ש גדול.

ה. לכאו' איז ניט פארשטאנדיק וואס איז בכלל דער הוה אמינא אז מען זאל מעגן מחלל שבת זיין צוליב מלאכת המשכן, דלכאו' מלאכת המשכן איז דאך א ציווי בעלמא, משא"כ שבת איז דאך מחללי' מות יומת, איז ווי קען קומען א ציווי בעלמא און דוחה זיין א ענין וואס איז פארבונדן מיט מיתה?

נאר ווי גערעט אז אלע קשיות אין רש"י, איז אדער רש"י אליין באווארנט עס פארן קינד אין זיין פירוש, אדער עס איז אזוי פשוט אז ער דארף עס איינגאנצן ניט באווארענען.

עד"ז ביי די שאלה האט עס רש"י אליין באווארענט אין פרשת כי תשא.

רש"י שטעלט זיך דארטן אויף ואתה תדבר, שלכאו' איננו מובן וואס איז דאס אנדערש פון אלע ציווים, און עס דארף שטיין "ואתה"?

דאס קומט רש"י און פארענטפערט אל יקל בעינך כו', ד.ה. דא רעט זיך ניט וועגן דעם ציווי בפועל, דאס איז זיכער אז בפועל וועט ער ניט מחלל זיין שבת צוליב מלאכת המשכן, דא איז דאס בלויז בכדי שלא יקל בעיניך.

עס קאן ארויס קומען א קלות אין שבת, וויבאלד אז ער וועט מדגיש זיין מלאכת המשכן כו', רערפאר האט געדארפט זיין דא ספּיצעל ואתה תדבר.

בכלל איז דאך געווען דער סדר (ווי רש"י זאגט) ווען משה האט געדארפט איבערגעבן א ענין צו אידן איז פריער געווען צו אהרן און דערנאך צו נדב ואביהוא וכו', דא אבער דארף זיין ואתה תדבר כו', צו אלעמען.

און דערפאר מאקע איז בפועל דוקא דא געווען ויקהל משה כו' אז עס איז געווען צו אלע אידן צוזאמען.

דערנאך זאגט רש"י אך את שבתותי תשמרו, תהיו רדופים וזריזין וכו', ושבת אל תדחה וכו'.

דאס איז שוין ווי עס איז נוגע אידן גופא, וויבאלד אז זיי וועלן זיין רדוף וזריזין אין משכן וועט מען קענען מחלל שבת זיין.

וואס איז דער ענין פון רדוף, נאך יאגן, ועפ"ד זה ענין הזריזות.

- ענין -

ענין הבנין דמשכן, איז דאס ניט א ציווי בעלמא, נאר דורך דערויף איז אראפ געקומען דער חטא העגל, ווארום פריער איז געווען דער היפוך, און בנין המשכן וואס איז השראת השכינה דאס האט מכפר געווען וכו׳.

ובמילא דאס זאגט רש"י וויבאלד אז זיי וועלן זיין רדופין וזריזין אויף אראפ נעמען דעם חטא, ובמילא וואלט געווען א הוה אמינא אז מען מעג דאס טאן אפי׳ בשבת, ווארום דאס איז א ענין כללי, אויף אראפ נעמען דעם חטא העגל, דערפאר האט די תורה געדארפט זאגן פריער אז ואת שבתותי תשמורו, אז מען טאר ניט ארבעטן בשבת.

עס זיינען פאראן מפרשים וועלכע לערנען דא אז דערפאר האט משה זיי פריער אנגעזאגט וועגן שבת, ווארום ציווי המשכן האט דאך גענומען א לאנגע זמן, און עס וואלט דאך אין מיטן אנגעקומען דער שבת, במילא האט משה ניט געוואלט מפסיק זיין מיט שבת, נאר מלכתחילה האט ער זיי דאס אנגעזאגט.

רש"י אבער לשיטתי׳ קאן אזוי ניט לערנען, ווארום רש"י זאגט דאך אין פ׳ כי תשא, אז אידן האבן געבראכט נדבות המשכן גלייך יענעם טאג למחרת יוהכ"פ, איז דאך מובן אז משה האט שוין יענעם טאג געענדיקט.

מען קאן ניט זאגן אז זיי האבן אנגעפאנגען ברענגען דעמאלט די נדבות, נאר עס איז געווען בלויז א התחלה, דערנאך האט אבער משה ווייטער מצווה געווען און זיי האבן געבראכט ווייטער,

ווארום רש"י זאגט דאך אין פ׳ יתרו, בשעת עס שטייט אז משה האט דן געווען אידן (און יתרו האט געהאט טענות וכו׳) איז דאס געווען למחרת יוהכ"פ, זעט מען דאך אז ער האט פארענדיקט, אז ער האט אפי׳ דערנאך געהאט צייט משפט׳ן אידן, ובמילא זעט מען דאך אז ער האט גלייך יענעם טאג פארענדיקט, אויב אזוי האט ער דאך געקענט זאגן משכן פריער.

מען קאן אויך ניט זאגן אז דאס איז געווען שבת אליין, ווייל שבת האבן שוין אידן געהאט א ציווי פון אל יצא איש ממקומו וכו׳, במילא וואלטן זיי ניט געטארט טראגן די נדבות, וגם כנ"ל שבת טאר מען ניט משפט׳ן וכו׳ (דאס אבער איז ניט אין פשט, עפ"י פשט אבער איז פאראן א איסור פון אל יצא איש ממקומו).

ובמילא קומט דאך אויס אז מצד דעם זמן איז ער ניט געווען מוכרח פריער אנזאגן די ציווים פון שבת.

און דאס קומט רש"י און זאגט "הקדים וכו׳", ווארום באמת האט דער סדר געדארפט זיין פונקט פארקערט, פריער זאגן וועגן משכן, ווארום דאס איז געווען א ענין הנוגע מיד, משא"כ שבת איז ערשט נוגע שפעטער, פארוואס האט ער מקדים געווען פריער מיט שבת?

דאס פארשטייט אויך א פיצל קינד אז אעפ"י שבת איז חמור, און עס איז פאראן א עונש מיתה, פונדעסטוועגן איז ניט מסתבר מקדים זיין דאס פאר א ענין וועלכער קומט און איז נוגע גלייך איצטער.

נאך שטארקער איז די קשיא: משה רבינו האט דאס געדארפט

- איבער -



<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

איבער געבן אידן מיט דעם זעלבן סדר ווי דער אויבערשטער האט דאס איט געזאגט, פריער משכן און דערנאך שבת, פארוואס האט ער דאס מהפך געווען?

און די קשיא קומט רש"י באווארענען, און זאגט אז הקדים שבת כו׳, לומר לך אז איננו דוחה את השבת וכו׳.

עס זיינען פאראן מפרשים וועלכע לערנען דא אז אלץ וואס שטייט דא לגבי שבת איז דאס בלויז צוליב דעם מלאכת המשכן עס איז אבער ניט פארשטאנדיק, ווארום אויב אזוי האט געדארפט שטיין בלויז ששת ימים כו׳, וואו פאסט דא אריין לא תבערו אש, וואס פאר א שייכות האט דאס מיט מלאכת המשכן, אין משכן זיינען דאך געווען אנדערע ענינים פריער ווי הוצאה וכו׳?

נאר דער ביאור אין דעם איז: דאס איז דאך געווען לאחרי חטא העגל, וואס אידן האבן עובר געווען און פארגעסן אויף וואס עס שטייט אין עשרת הדברות אנכי ה"א וכו׳, ובמילא וויבאלד אז אידן האבן פארגעסן פון די עשרת הדברות, במילא האט משה בשעת ער רעט שוין וועגן שבת, זיי געזאגט אן ענין אין שבת גופא, אז לא תבערו אש וכו׳.

עפי"ז איז פארשטאנדיק פארוואס פריער אין פ׳ כי תשא איז דער סדר פריער מלאכת המשכן און דערנאך שבת, משא"כ דא, ווארום משה ער איז דאך ניט געווען שייך אין חטא העגל, ער איז געווען למע׳, ער איז בלויז וואס כי שחת עמך, ער אליין ניט, ובמילא מצד איט האט ניט געדארפט זיין ענין המשכן עס זאל קומען מכפר זיין אויף דעם, ומובן אז ער איז אין דעם ניט געווען רדוף וזריז כו׳ כנ"ל אז דאס איז בלויז מצד דער כפרה אויף דעם עגל.

ובמילא פריער האט מען איט געזאגט דעם ציווי פון משכן ווארום דאס איז עיקר הענין, שבת קומט דערנאך (ווי א טפל) אז עס איז ניט דוחה, משא"כ אבער אידן זיינען דאך געווען רדופין כו׳ האט מען זיי גלייך בעדארפט באווארענען אז זיי זאלן ניט פארגעסן וועגן שבת.

ובמילא אין פ׳ כי תשא קאן ניט שטיין פריער שבת, דערפאר דארף שטיין אן, משא"כ דא.

דערמיט איז אויך פארענטפערט בנוגע לכיבוד אב, פארוואס קאן׳דארטן ניט שטיין פריער שבת, וואדוש אפי׳ בשעת עס וואלט געשטאנען שבת פריער, וואלט מען ניט געוואוסט אז דאס איז צוליב חשיבות, ווארום כנ"ל איך הפה יכול לומר וכו׳ (דוקא דא איז די הוכחה ווארום בעצם האט דער סדר געדארפט זיין פונקט פארקערט), דערפאר מוז שטיין אני הוי׳ אלקיכם, שאתה ואביך חייבים בכבודי.

בשעת מען רעט שוין וועגן לא תבערו אש, איז אויף דעם ברענגט רש"י צוויי פירושים, א) ללאו יצאת ב) לחלק יצאת, ווי גערעט שוין כמה פעמים אז בשעת רש"י ברענגט צוויי פירושים, איז דאס צוליב דערוף וזאס אייך פי׳ אליין איז ניט מספיק עפ"י פשט און פונדעסטוועגן איז דער ערשטער פירוש איז מער קרוב אל הפשט.

דארף מען פארשטיין פארוואס דארף רש"י אנקומען דא צוביידע פשטים און דער ערשטער איז מער קרוב?

- איז -



הנחה פרטית בלתי מוגה

איז דער ביאור אין דעם, לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק פארוואס דארף די תורה אנכאפן לא תבערו אש און ניט אנאנדער מלאכה? אויף דעם קומט רש"י און זאגט ווי עס לייגט זיך אליין עפ"י פשטות אז ללאו יצאת, פריער שטייט דאך מות יומת, ובמילא דא מיינט מען אז איז ניט מיתה.

עס איז אבער אלץ ניט פארשטאנדיק, פארוואס טאקע איז מלאכת אש אנדערש פון אלע מלאכות? אויף דערוף דארף רש"י אנקומען לפירוש שני, לחלק יצאת (וואס דער פי׳ אין דעם איז ניט ווי עס זיינען פאראן די וואס לערנען אז דאס מיינט מען אז מ׳וואלט געקענט מיינען אז מ׳דארף טאן אלע מלאכות דעמאלט איז פאראן א חיוב מיתה, אזוי קאן מען ניט לערנען ווארום עס איז פשוט, אז אפי׳ איין מלאכה איז מען חייב, ווי עס שטייט דא גופא "העושה בו מלאכה" און עס שטייט ניט <u>כל</u> מלאכה,

נאר דער פי׳ איז אז מען וואלט געקענט מיינען אז בשעת מען האט געטאן כמה מלאכות איז מען בלויז מחויב איין עונש, זאל מען לחלק אז אויף יעדער מלאכה קומט א באזונדער עונש).

עס איז אבער שווער פארוואס כאפט די תורה אן אויף לחלק יצאת, דוקא אש? דערפאר דארף מען אנקומען לפי׳ הא׳.

דא קומט אבער ארויין די קלאץ קשיא, לכאו׳ פארוואס קאן מען ניט לערנען דיבר הכתוב בהוה, ווי רש"י האט שוין געזאגט כו"כ פעמים, ווארום מובן אז דער שבת פאנגט זיך אן באנאכט, ווי עס שטייט מערב עד ערב, כאטש אז דער קינד האט דעם פסוק נאך ניט געלערנט, שטייט שוין אבער פריער אז ויהי ערב כו׳, ביי אידן גייט די נאכט פאר דעם טאג, ובמילא בפשטות בשעת עס קומט די נאכט גייט ער ניט חורש זיין אדער זורע זיין, נאר די ערשטע זאך וויל ער אנצינדן א לעמפל, ובמילא דערפאר כאפט אן די תורה לא תבערו כו׳, ווארום דאס איז מער הווה, און פריער פאר אלע מלאכות?

און ביי רש"י איז דאס אזוי אפגעפרעגט, נאך מערער ווי דער פי׳ ללאו יצאת, שכנ"ל קשה פארוואס פונקט אש זאל זיין א לאו און ניט מיתה, ולכאו׳ איז גאר פשוט זאגן דיבר הכתוב בהווה? וכפי שיתבאר לקמן.

ו. איצטער איז געבליבן שווער אין דעם פריערדיקן רש"י וואס מען האט געפרעגט פארוואס שטעלט זיך רש"י פונקט אויף לא תבשל גדי, אז דאס איז איבעריק, בשעת אז עס שטייט א גאנצע פ׳ פאר דעם איבעריק אין פ׳תשא, בנוגע לשלוש רגלים וכו׳ לא תשחט כו׳ ביכורים וכו׳.

נאר דא אויך האט רש"י דאס אליין באווארנט, בשעת אין פ׳ משפטים שטייט וביום השביעי תשבות, זאגט רש"י אז דו זאלסט ניט מיינען אז וויבאלד עס איז שנת השמיטה איז ניטא קיין חיוב פון שבת, ווארום שבת איז בלויז ווען ששת ימים העבוד וכו׳, נאר וביום השביעי תשבות אפי׳ אין שנת השמיטה.

ובמילא זעט מען דאך אז אין פ׳ משפטים רעט זיך וועגן שנת שמיטה, במילא דארטן די תורה דארטן ספיצעל זאגן א ציווי אויף שלוש רגלים אז דעמאלט איז פאראן א חיוב, און עד"ז ביי ביכורים,

- אז -